בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור miller זצ"ל

פרשת בשלה




## אלע איבערקערענישן צוליב די אידן

### דער באשעפער וויל נישט קיין שירה פון די מלאכים

**די** גמרא אין מסכת מגילה (י' ע"ב) פארציילט אונז זייער א אינטערסאנטע זאך, וואס איז פארגעקומען צווישן דעם באשעפער און די מלאכים בשעת ווען די לעצטע מצרי'שע סאלדאטן האבן זיך געווארפן אין די טיפענישן פונעם ים-סוף, און געזינקען צו זייער טויט.

ווען די מלאכים האבן צוגעזען וויאזוי די יודען זענען געראטעוועט געווארן פונעם ים סוף, אין דעם חורבן פון די מצריי'שע ארמעי, האבן זיי געוואלט זינגען צום באשעפער, בקשו לומר שירה, זיי האבן געוואלט זינגען שירה פון לויב צום באשעפער, אבער דער באשעפער האט זיי צוריקגעהאלטן, מעשה ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה, מיינע האנט ווערק זינקן אין ים, און איר?! ווילט זינגען שירה צו מיר, עס טוט מיר ווי דאס צו טון, איך האב באשאפן די מצריים זיי זענען מיין האנט ווערק, דער מענטש איז דער שפיץ פון מיין בריאה, און יעדע מענטש איז א וואונדערבארע מאשין, א אויסטערלישע צוזאמשטעל, און יעצט זינקען זיי, וויאזוי קענט איר זינגען ווען די מצריים וואס זינקען אין ים פרובירנדיג צו כאפן זייער לעצטע אטעם.

אין די רעפארעם טעמפלס, און איך האב מורא צו זאגן, אפילו אין די מאדערנע ארטאדאקסישע שילען, האבן די ראבייס זייער ליב די גמרא, זיי האבן נישט אזוי ליב די ווערטער פון חז"ל בכלליות אבער די שטיקל גמרא האבן זיי זייער ליב, אוודאי, עס גיט זיי די געלעגנהייט צו רעדן אז מען דארף ליב האבן אלע מענטשן און אז מען דארף רחמנות האבן אפילו אויף די שלעכטע, מיר זינגען מיר נישט ווען די שלעכטע מצריים ווערן געשטראפט, אונז שטראף מיר נישט, אונז האב מיר נאר ליב, אזוי דרש'נט דער רעפארם ראביי אויפ'ן בימה, ווייל דאס איז וואס זיי זענען אינטערעסירט, זיי זענען נישט אינטערעסירט אין אמת פון לעבן, זיי זענען אינטערעסירט צו געפעלן די ליבעראלע גוים אויף די גאס, אבער זיי פארשטייען דאס זייער שלעכט, און דאס איז א געפערליכע טעות אין די גמרא.

## משה רבינו זינגט יא, מיט די אידן

**לאז** מיר דאס פארשטיין ריכטיג, דא איז עפעס שווער, אונז ווייס מיר אז, אָז ישיר משה ובני ישראל, משה און די אידן האבן געזינגען, און זיי האבן זיך געפרייט מיט א אויסטערלישע פרייד, אונז זאג מיר עס יעדן טאג, משה ובני ישראל לך ענו שירה בשמחה רבה, משה און די בני ישראל האבן אויסגעשריגן צו דיר אין געזאנג מיט א אויסטערלישע פרייד, און עס איז נישט געווען א כלליות'דיג לויב וואס זיי האבן געזינגען אונז "דאנק מיר דיך זייער שטארק", און פארטיג, זיי האבן געזינגען אויף יעדן פרט אויפ'ן חורבן פונעם פיינט, און דאס איז א געזאנג וואס אונז זינג מיר פאר אייביג, אז ישיר משה ובני ישראל, דיווארט אָז, "דעמאלטס" מיינט צו זאגן, אז עס איז געווען א געשעעניש וואס האט זיך דעמאלטס אנגעהויבן און עס ציט זיך פאר אייביג, אפילו נאך היינט, ווערט די אויסגעצייכנטע געזאנג פון לויב געליינט פון די תורה יעדעס יאר פרשת בשלח און מען ליינט עס נאכאמאל שביעי של פסח, און אונז אליינס זאג מיר עס יעדן טאג פונעם סידור אלס א חלק פון אונזערע טעגליכע תפילות.

## ווי אזוי פארענטפערט מען דאס

**יעצט** וויאזוי קענען מיר צוזאמשטעלן די צוויי זאכן וואס עס זעט אויס ווי א סתירה? דער באשעפער זאגט פאר די מלאכים, די זעלבע מלאכים, וואס זענען פארנומען א גאנצן טאג צו זינגען די שבחים, אז ער איז נישט אינטערעסירט יעצט צו הערן די געזאנג פון לויב, מיין האנטארבעט זינקט יעצט, דאס איז נישט עפעס אויף וואס מען דארף זינגען און יעצט אין די זעלבע מינוט טרעף מיר פונקט די פארקערטע, משה רבינו פירט דעם עם ישראל מיט א הויכע און פרייליכע געזאנג בשמחה רבה, און נישט נאר האבן זיי עס דעמאלטס געזינגען, נאר אונז גיי מיר ווייטער אן צו זינגען צום באשעפער דעם געזאנג פאר אייביג, די הערליכע שירה, די געזאנג וואס דער באשעפער האט נישט געוואלט הערן פון די מלאכים, ווערט איבערגעזאגט פאר אייביג דורך די קינדער פון באשעפער אלס איינע פון די שענסטע שירה פון לויב פאר אים, אויב אזוי וויאזוי פארענטפערט מען דאס?

## דער תירוץ

**און** מיר וועלן דאס געבן צו פארשטיין ווי פאלגענד, מלאכים זענען נישט דא צו שטייגן, זיי זענען נישט באשאפן געווארן פאר די סיבה צו שטייגן אויפ'ן לייטער פון שלימות, אזוי ווי אונז, יעצט וויבאלד די ענין פון זינגען צום באשעפער, איז אנצופולן אונזער מוח מיט אמת'ע געפילן פון דאנק צו אים, און צו וואקסן העכער דורכדעם, איז די מלאכים'ס ווילן צו זינגען שבחים פלוצלינג געווארן אפגעשטעלט, מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה, וואס איז די געדאנק יעצט צו זינגען פאר מיר ווען איך האלט מיט די גרויסע טראגעדיע וואס געשעעט יעצט פאר די מצריים? די שאדן פון מענטשליכע לעבנס, איז צו טייער, אז מען זאל אויף דעם זינגען, אויסער אויב דאס איז פאר די סיבה אויף צו שטייגן, נאר צו זינגען פאר גארנישט? און וויבאלד די מלאכים גייען פון

דעם נישט שטייגן וויל איך דאס נישט הערן.

מענטשן ווי אזוי אימער זענען אין די וועלט נאר פאר איין סיבה, און דאס איז צו שטייגן, צו דערגרייכן, אוודאי דארף מען חתונה האבן, און מען דארף אויך מאכן פרנסה, דו דארפסט ענדיגן ש״ס, און אויפציען א משפחה און אסאך אנדערע זאכן, עס איז אלעס אמת, אבער יעדע איינציגע זאך פון די אלע זאכן, און אזוי אויך אלעס וואס איר טוט, האט צו טון מיט שטייגן אין שלימות, און איר דארפט דאס ארייננעמען אין קאפ עס איז נישט קיין חילוק וויפיל מאל איר הערט דאס דא איז נישט גענוג ״איר זענט דא אין די וועלט צו שטייגן״.

## די וויכטיגסטע זאך פאר שלימות

**צוזאמען** מיט די אלע ענינים פון שלימות (צו זיין אינגאנצן רעכטפערטיג פאר'ן באשעפער) וואס א מענטש דארף אלץ שטארק פרובירן אנצוקומען דערצו, איז די מערסטע וויכטיגסטע דערגרייכונג, צו זען און זיין אויפמערקזאם אויף די סאך מתנות וואס דער באשעפער באגיסט אונז, און צו האבן אמת'דיגע געפילן פון דאנק, א מענטש וואקסט זייער שטארק פון יעדע קלייניגקייט וואס מאכט אים אויפמערקזאם אויף די גוטסקייט פון באשעפער, און וועגן דעם ווי לאנג א מענטש איז נאך דא אויף די וועלט ווי לאנג ער אטעמט נאך דארף ער מאכן נוצן פון יעדע געלעגנהייט וואס איז דא, צו דערגרייכן מער פון די אויפמערקזאמקייט, עס איז נישט קיין טעות וואס די וועלט איז אזוי פיל מיט קאמפליצירטע באשאפונגען, מיט א ענדלאזע אויסוואל פון זאכן צו זען, די אלע זאכן זענען וואס דער באשעפער רופט צו דיר, און ער וויל דיך צופירן צו דעם שלימות, פון זיין אויפמערקזאם איבער זיין געוואלדיגע גוטסקייט, יעדע פרוכט, געטראנק, יעדע שטיקל ברויט וואס דו לייגסט אריין אין מויל, דערמאנט דיך פון דעם באשעפער'ס גוטסקייט, יעדעס מאל וואס דו גייסט ארויס אין ביה״כ, יעדע טריט וואס דו נעמסט, יעדע אטעם וואס דו אטעמסט, איז ענדלאזע חסדי השם, און דאס איז אלעס פאר די סיבה, צו שטארקן ביי דיר די אמת'דיגע און הארצפולע געפילן פון דאנק צו אים, ווייל דאס איז דיין קאריער אין די דאזיגע וועלט צו דאנקן אייביג דעם באשעפער.

און וויבאלד דאס איז דיין עיקר סיבה אין די וועלט, וויל דער באשעפער אז דו זאלסט נוצן יעדע געלעגנהייט צו וואקסן גרעסער אין די אויפמערקזאמקייט, ווען דער באשעפער באשאפט אן עפל, אדער א שטיקל ברויט, פארלירט ער גארנישט, ער גיט גארנישט אויף, מיט דעם אלעם דארף מיר אונז מאכן זיכער, צו נוצן דעם עפל, און דעם שטיקל ברויט, צו ווערן מער און מער דאנקבאר, דאס איז אונזער אחריות, און אויב נישט, איז די פרוכט און די שטיקל ברויט געגאנגען לאיבוד.

## ווען עס פאסירט שלעכטס פאר אנדערע איז די תביעה גרעסער

**אבער** ווען דער באשעפער ברענגט שלעכטס פאר אנדערע, איז דאס אחריות צו מאכן נוצן פון די געשעעניש, אסאך אסאך מער, ווי ווען ער טוט אונז נאר באזארגן מיט ברויט, ווייל יעצט גיט דער באשעפער אויס עפעס, ער האט שאדן, עס איז זיין האנט

ארבעט פון וואס ער ליידט, און דאס איז א שרעקליכע פרייז צו צאלן, ממילא ווען דער באשעפער ברענגט יעדע סארט חורבן אויף די וועלט, אפילו אויף די שלעכטע, איז אונזער אחריות צו מאכן נוצן פון די ליידן, געווארן אסאך גרעסער ווייל דאס איז נישט נאר א דענדעליאן, עס איז נישט נאר א עפל, א בוים, אדער א רעפטל ברויט, עס איז אזויפיל מער פון דעם, עס איז מענטשליכע לעבנ'ס, מענטשן ליידן, עס איז די האנטווערק פון באשעפער וואס ליידן.

און וועגן דעם אפילו דער באשעפער איז זייער נישט צופרידן פונעם חורבן פון די מצריים, "די ארבעט פון מיינע הענט זינקן אין ים און איר מלאכים ווילט זינגען"? מיט דעם אלעם איז ווערט אויסצוגעבן מענטשליכע לעבנס אויב דאס וועט אויפלעבן די אידן צו זינגען דעם באשעפער'ס לויב און צו וואקסן דורך דעם גרעסערע, ממילא ווען דער באשעפער האט געהערט די אידן אויסברעכן אין א פרייליכע געזאנג, איז דעם באשעפער'ס ווילן געווארן אויסגעפילט, "מיינע קינדער נוצן די טייערע געלעגנהייט צו וואקסן גרעסער", די חורבן פון די מצרי'שע ארמעי, איז קלאר געווען מיט די כוונה ארויסצובאקומען געזאנג פון לויב פון די אידישע קינדער און אויב עס וואלט נישט אקעגנגעקומען וואלט דער באשעפער דערקלערט: די ארבעט פון מיינע הענט זינקען אין ים, זיי ווערן אויסגעגעבן נאר פאר אייך, צו ווערן גרויס, און איר זינגט נישט צו מיר?

דאס זינקען פון די מצריים אין די טיפענישן פון ים סוף האט נישט מצליח געווען, און דאס אז עס פעלט די שטארקע געזאנג פון לויב וואלט פאררעכנט געווען אלס א קאלעסאלער דורכפאל, אינעם פלאן פון באשעפער, ווייל אויב אונז טרוי מיר זיך צו איגנארירן די געלעגנהייט איז כביכול דער באשעפער ברוגז אז ער האט דאס געדארפט אויסגעבן אז מענטשן זאלן ליידן, און די שילד פון די ליידן ווערט געלייגט צו אונזערע אייגענע פיס.

### די שלעכטס וואס פאסירט פאר די גוים איז כדי די אידן זאלן זיך אפלערנען

**די** גמרא אין יבמות לערנט אונז אז אין פורעניות באה לעולם אלא בשביל ישראל, יעדע גרויסע שלעכטע געשעעניש וואס פאסירט אין די וועלט, קומט נאר וועגן די אידן (יבמות ס"ג ע"א) די ערדציטערניש אין טערקיי, די אומרוען אין רעוואנדא, די קראך לעצטן חודש פון א פליגער אין נאווא סקאטיא, עס איז וויכטיג צו וויסן אז דאס אלעס איז וועגן אייך, דאס איז נישט קיין עקסידענט, יעדע זאך וואס געשעט אין די וועלט איז פאר א סיבה, און אונז לערן מיר יעצט אז די עיקר סיבה, איז פאר'ן עם ישראל, עס איז אלעס פאר אונז.

ממילא ווען דער פליגער איז איינגעזינקען אינעם ים נעבן נאווא-סקאטיא, די געפערליכע אויסגעבונג פון מענטשליכע לעבנ'ס, איז ערווארטעט ארויסצוברענגען פונעם עם ישראל גרויסקייט, דער באשעפער וואלט זיי געקענען לאזן לאנדן בשלום,

און אויב דער באשעפער האט פשוט געוואלט ענדיגן זייער לעבן, וואלט יעדער אין זיין היים שטאט געקענט באקומען א שטארקע לינגען אנטצינדונג אדער קענסער, זיי וואלטן געקענט שטארבן אויף א שטילע וועג, אויב דאס איז אלעס וואס דער באשעפער האט געוואלט, פארוואס האט דער באשעפער זיי צאמגעברענגט צוזאמען צו שטארבן אין אזא אויסטערלישע וועג, אלע אויף איין פלאץ, ווען דער פליגער האט אראפגעקראכט אין ים? און ווען דו הערסט וויאזוי אין רעוואנדא, הרג'ענען זיי אויס מענער פרויען און קינדער, דאס איז אזא געפערליכע שאדן פון לעבן, אזעלכע געפערליכעליידן, איר טראכט אז דאס איז פשוט א פאלק מלחמה וואס האט גארנישט צו טאן מיט אונז? ניין עס האט אלעס צו טון מיט אונז אינה באה אלא בשביל ישראל.

**דאנק דעם באשעפער אז דו קענסט ארויסגיין אויף די גאס אן מורא פאר מעסערס און שווערד עס וואלט געקענט דא פאסירן ח"ו**

**די** געשעענישן זעען אויס צו זיין ווייט אוועק, און זיי זענען, - אבער נאר ווייל דער באשעפער, האט עס געמאכט געשען ערגעץ אנדערש, אבער זיין מחשבה איז וועגן דיר, כדי דו זאלסט דאנקבאר זיין אויף וואס דו האסט, די זיכערקייט און פרידן וואס דו האסט אין דיין אייגענעם לעבן, ער וויל דו זאלסט ווערן מער און מער אויפמערקזאם, איבער די גוטסקייט וואס ער באשענקט דיך, איך בין זיכער דער באשעפער האט אסאך סיבות פאר יעדע זאך וואס ער טוט, אבער ווילאנג דו ווייסט נישט דערקלערט דער באשעפער צו דיר, "מיין האנטווערק זינקט נעבן נאווא-סקאטיא, מיין האנטווערק ליגט דערשטיקט אונטער חרוב'דיגע הייזער אין טערקיי, מיין האנטווערקט ווערט ברוטאל דער'הרג'עט אין רעוואנדא און דו זינגסט נישט מיין לויב צו דאנקן פאר די אלע גוטס וואס דו האסט?"

צו ווייסט איר וואס דאס מיינט אז מען האט די מעגליכקייט ארויסצוגיין אויף די גאס און מען דארף נישט מורא האבן פון די קריגערישע גענגס שלעכטע מענטשן מיט מעסער'ס, און שווערדן, וואס האבן נישט קיין שום שילד געפיל צו הרג'ענען? דאס איז א שמחה א אמת'ע שמחה, און ממילא ווען איר הערט וואס טוט זיך אין די ווייטע לענדער, דארפט איר זיין אנגעפילט מיט פרייד און אז ישיר, איר זאלט אויסזינגען מיט פרייד צום באשעפער, פרייליכקייט אז איר וואוינט אין פרידן, פרייליכקייט אז איר לעבט, פרייליכקייט אז איר לעבט נישט אין רעוואנדא אדער טערקיי.

דער באשעפער וואלט געקענט מאכן געשען די געפערליכע זאכן דא ח"ו, אבער אנשטאט שיקט ער צו דיר מעסעדזשעס פון ווייטע פלעצער, ער פרובירט מרמז צו זיין, אז דו זאלסט ארויסזינגען צו אים אין פרייליכקייט אבער דו זיצט אין דיין זיכערע היים, טויט ווי א נאגעל אין טיר, טראכסט נישט, דו דאנקסט נישט, און דו זינגסט נישט.

# צו באשטעלן ביי אונז
# קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com




## ***ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",***

# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הונדערטער מענטשן

מיט אביסל געלט

# רופט אריין צו אויסקלויבן אייער וואך

845-213-7571

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן


## נדבת השבוע

פ׳ בשלח נתנדב

**ע״י הרבני הנכבד מו״ה שלמה יעקב ניישטאדט נ״י**

**זכות הרבים יעמוד לו להתברך בכל מילי דמיטב**

# די ריכטיגע מחשבות

## שאלה:

**פון וואס זאל א מענטש טראכטן, דורכ'ן טאג ווען עס איז א געווענליכע ארבעטס טאג אויב ער וויל ווערן גרעסער.**

## תשובה:

**אהההה!** דאס איז אזוי וויכטיג! ווען דו האסט א געלעגנהייט, - און דאס איז די זעלבע פאר פרויען - איר זאלט טראכטן, איך האב דיך ליב באשעפער, איך דאנק דיך באשעפער אז איך האב נישט די פלו, איך דאנק דיך באשעפער אז איך האב נישט די קראנקהייט, איך דאנק דיך אז איך האב נישט יענע קראנקהייט, איך דאנק דיך באשעפער אז איך האב די געלט צו באצאלן רענט, איך דאנק דיך באשעפער אז איך האב די מעגליכקייט צו זעהן, א דאנק דיר פאר מיר געבן גוטע אויגן, איך דאנק דיר אז איך לעב אין א פרייע לאנד, איך דאנק דיר אז איך האב א פאר שיך, איך דאנק דיר באשעפער אז איך בין א איד או איך קען טון מצוות.

**עס** איז דא אזויפיל זאכן פון וואס צו טראכטן, איך ווייס אפילו נישט וואס די שאלה איז, עס איז נישט דא קיין סוף פון וויפיל זאכן מען קען טראכטן, א גאנצן טאג, אזויפיל געלעגנהייטן צו ווערן גרעסער דורך טראכטן וועגן באשעפער און אים דאנקן, עס איז נאר אז דו דארפסט טראכטן פון דיין ביזנעס אויך, די שאלה איז ווען האסטו צייט צו טראכטן וועגן דיין ביזנעס, עס איז דא אזויפיל פון וואס צו טראכטן.

**שאלות און תשובות**

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ"ל

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי

כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"